# דברי אמונה והתחזקות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

### בסעודת שלישית פרשת בהר בחקותי תשפ״א לפ״ק

### אחר האסון בעיה״ק מירון ביום ל״ג בעומר העבר

יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען

**... דער** אייבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט די תורה, בי הציץ הקב״ה וברא עולמו, די תורה איז די פלאן פון די וועלט, דער אייבערשטער האט אריינגעקוקט אין די תורה און מיט דעם האט ער באשאפן די וועלט, ווי מען שוין היינט גערעדט (בדרשת פרקי אבות) אז אלע זאכן וואס איז דא אויף דער וועלט אלעס איז מקושר מיט די תורה. אויב אין די תורה איז דא צוויי ערליי מצות, די מצות וואס מען פארשטייט מיטן שכל, און זאכן וואס איז אומפארשטענדליך, מען פארשטייט נישט. איז אין די הנהגה פון די וועלט אויך דאביידע בחינות, ס׳איז דא אמאל וואס דער אייבערשטער פירט די וועלט, און ס׳איז דא מענטשן וואס מיטן שכל פארשטייט מען וואס האט פאסירט, מען פארשטייט פארוואס עס איז אזוי געווען, ס׳איז מיט א הסבר, דאס קומט דורך די השפעה פון די מצות וואס אונז טוה מיר אויך מיטן דעת. ס׳איז אבער דא זאכן וואס דער אייבערשטער טוט אויף די וועלט וואס מיט אונזער שכל קענען מיר עס נישט פארשטיין, דאס ווערט נשפע פון די מצוות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן חוקים, און די חוקים זענען דאך אהן א הסבר, און פון דעם איז באשאפן געווארן די וועלט, דאס טייטש אז נאר דער אייבערשטער אליינס איז משיג דעם טעם פון דעם חוק, אבער אונז פארשטייי מיר דאס נישט, אזוי איז אויך דא מאורעות וואס פאסירן אויף די וועלט וואס איז א חוק, אונז פארשטייי מיר עס נישט, לויטן משקל א-ל דעות איז עס אויסגעהאלטן.

**איך** האב געוואלט רעדן א נקודה וואס איז נוגע צו דעם אומגליק וואס האט פאסירט אין מירון ל״ג בעומר, וויפיל מען טראכט אריין דערין, ס׳איז דאך זאכן וואס הנסתרות לה׳ אלקינו, ס׳איז נישט צום פארשטיין מיטן מענטשליכן שכל, ווי אזוי עס האט פאסירט, און וואו ס׳קען זיין אין אזא גרויסען טאג, די הילולא פון רבי שמעון, וואס אלעס ווערט דאך גע׳פועל׳ט ביי רבי שמעון, וואס בחיים האט ער צוריקגעהאלטן אלע גזירות, אין זוהר הקדוש איז דא צענדליגער מעשיות צוגעברענגט וויאזוי ער האט מבטל געווען יעדע מיתה פון א שטאט, דער מלאך המות האט זיך נישט געקענט אנטקעגן שטעלן פאר אים, און עס זאל קענען פאסירן אום ל״ג בעומר אין זיין יומא דהילולא, אויף זיין פלאץ, און אין די העכסטע מאמענטן וואס ל״ג בעומר האט, ביי די הדלקה וואס איז געווען, זאל קענען פאסירן אזא זאך, דאס איז א חלק פון חוקים, דאס איז וואס אונז פארשטייי מיר נישט.

**און** אונז דארף מיר דאס נישט פארשטיין, פונקט ווי ער פארשטייט אז ער דארף נישט פארשטיין דעם חוק

פארוואס דער אייבערשטער האט אונז געהייסן שעטנז און כלאים, און מען פארשטייט אז אזוי איז עס, אז אזוי דארף מען צו טוהן, **אזוי דארפן מיר נישט פארשטיין די וועגן פונעם אייבערשטער. מען דארף נישט זוכן קיין הסברים, און מען דארף נישט זוכן קיין תירוצים, ווי ס'קען זיין אין אזא טאג ביי די הילולא פון רבי שמעון, יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין, זאל קענען פאסירן אזא זאך. אונז דארף מיר נישט קיין הסברים, אונז דארף מיר נישט קיין תירוצים דערויף, דעס איז אונזער חלק פון אמונה וואס אונז האב מיר, דער אייבערשטער האט אזוי פארשטאנען, און מיר זענען מקבל אז אזוי האט געדארפט צו זיין.**

**דאס** איז נוגע בכלליות, און עס איז נוגע אויך בפרטיות פאר יעדן. יעדער מענטש האט פארשידענע זמנים, צייטן וואס די הנהגה וואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט אים איז ביי אים פארשטענדליך, און אסאך מאל איז דא זאכן וואס ער פארשטייט נישט פארוואס עס האט פאסירט, פארוואס איז עס געקומען, פארוואס ער יא א צווייטער נישט, מען דארף נישט קיין משלים און קיין פרטים דערויף. אבער א איד איז צו דעם אויסגעשטעלט, אונז ווייס מיר וואס דער אייבערשטער טוט, אלעס איז גוט, מאתו לא תצא הרעות, פארשטייסט עס נישט, מען מוז נישט אלעס פארשטיין, ס'איז דא אסאך חוקים וואס מען פארשטייט נישט. דאס פארשטייסטו אויך נישט, **החקר אלו-ה תמצא, קען דען א מענטש פארשטיין געטליכקייט, וואס דער אייבערשטער טוט.** קען מען דען מסביר זיין פאר א קינד פון פינף יאר פארוואס דער טאטע האט אזוי געטוהן, פארוואס די מאמע האט אזוי געטוהן, וויפיל דו וועסט אים מסביר זיין וועט ער דאס נישט פארשטיין, ער איז דאך א קליין קינד, ער האט נישט קיין דעת. א בהמה קען דען פארשטיין וואס דער מענטש טוט, עס פעלט אים דער דעת. אונזער שכל אנטקעגן דעם אייבערשטער איז אסאך וויניגער ווי א קינד פון פינף יאר, און וויניגער פון די שכל פון א בהמה. אונז זיך מיר נישט צו פארשטיין די דרכי השם, אונז וויל מיר נישט פארשטיין, וואס מען פארשטייט פארשטייט מען, און וואס מען פארשטייט נישט איז גוט אזוי אויך, אהן דעם וואס מען פארשטייט עס.

**עס** איז דא א הייליג ווארט פון איינע פון די צדיקים, ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם לא תקשו עוד (דברים י-טז), האט ער געזאגט, ומלתם את ערלת לבבכם, עטס זאלטס ענק אוועקנעמען דעם ערלת הלב, וערפכם, און עטס וועטס ענק אוועקנעמען דעם קשה עורף, לא תקשו עוד, וועטס עטס נישט האבן קיין קושיות מער. די אלע קושיא'ס וואס מען האט איז נאר אז עס פעלט דעם ומלתם את ערלת לבבכם, א איד דארף מקבל זיין אז וואס דער אייבערשטער טוט איז מיט א חשבון אויסגעפירט פון אויבן, אזוי האט געדארפט צו זיין, פארוואס, פארווען, מען מוז נישט זוכן קיין הסבר, מען מוז עס נישט פארשטיין, אזוי האט מען אייביג געלעבט, מען האט נישט געדארפט האבן קיין הסבר. מען פרעגט א הסבר פארוואס האט עס פאסירט, וואס איז א נפקא מינה, דער אייבערשטער האט אזוי געוואלט, **איין זאך דארפסטו וויסן, עס איז געקומען פאר עפעס א זאך וואס איז נוגע צו דיר, אז דו דארפסט דיך עפעס טוישן, יא ס'איז דא א חרון אף פונעם אייבערשטער. פארוואס ס'האט פאסירט דוקא אויף דעם וועג, און וויאזוי עס האט פאסירט, דאס איז נישט קיין שום נפקא מינה פאר אונז, דאס איז חשבונות פון אויבן.**

**איך** האב גערעדט די וואך צום תולדות אהרן רבי'ן זאל זיין געזונט, און ער האט מיר געזאגט בתוך הדברים, איך וויל עס נאר איבערגעבן פשוט צו מחזק זיין די אמונה. האט ער מיר געזאגט, איך זיץ היינט א גאנצן טאג און איך בין מנחם אבלים, איך רוף אן די אלע וואס זענען אוועק, צובראכענע שטובער, רוף איך אן איך בין זיי מנחם. איך גיי ארויס פון התפעלות, ווי אזוי די אידן האבן דאס מקבל געווען, וויאזוי אידן רעדן, וואספארא

אמונה, טאטעס מאמעס אלע סארט שטובער, וויאזוי זיי האבן דאס אויפגענומען, ווי אזוי זיי זענען מקבל די יסורים באהבה, און זענען זיך נישט מתרעם אויף די דרכי השם, איך גיי ארויס פון התפעלות ווי אזוי מען רעדט. און ער האט זיך אזוי ארויסגערעדט, **ווען דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע וואלט געלעבט היינט, וואלט ער געגאנגען און געטאנצט אויף דער גאס, און ער וואלט געזאגט פארן אייבערשטען, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, אידן זענען אזא הייליג פאלק, ווען מען האט פארלוירן די בעסטע און די שענסטע וואס מען האט, און מען איז עס מקבל מיט א ליבשאפט.**

**עס** האט מיר פארציילט א איד, אז עס האט אנגערופן דעם תולדות אהרן רבי'ן איינער וואס האט פארלוירן א קינד, א חשוב קינד, האט ער אים געזאגט איך רוף אהן, איך וויל אייך באדאנקן, אז מיין קינד האט גדארפט צוריקגעבן זיין נשמה פארן אייבערשטען, האט ער אים געגעבן די געלעגנהייט אז ער האט אוועקגעגעבן די נשמה נאך צוויי שעה וואס ער איז געזעסן מיט התעוררות און מקבל געווען עול מלכות שמים, און אזוי האט ער צוריקגעגעבן די נשמה פארן אייבערשטען, און איך וויל אייך דאנקן דערפאר.

**א** נקודה צו פארשטיין וואס דא האט פאסירט אין א געוויסן זין. אז מען איז זיך מתבונן, א געוואלדיגער חסד ה', וואס דער אייבערשטער האט געטוהן פאר די אלע הרוגים דארט, ס'איז געווען באשערט אז זיי זאלן אוועקגיין פון דער וועלט, קיין שום זאך געשעט נישט פון זיך אליינס, ס'איז מיט א חשבון געווען פון אויבן, אוועקצוגיין געזונטערהייט בדעה צלולה, און זיצן פארדעם מיט ניגוני התעוררות, ניגונים פון סליחות, פון די הייליגע טעג, וואס מען האט געזינגען, מען האט געהערט ווערטער פון התעוררות צו חיזוק אמונה, ווערטער פון התעוררות צו תשובה, און קבלת עול מלכות שמים וואס מען האט מקבל געווען דארטן, און נאכדעם געט מען צוריק די נשמה פארן אייבערשטען, יעדער וואלט זיך געוואונטשן אז הלואי ווען עס קומט די צייט וואס ער דארף צוריקגעבן זיין נשמה פארן אייבערשטען זאל עס קענען צוריקגיין מיט אזא דערהויבנקייט, מען זאל זיצן מיט א דביקות, נישט זיין קראנק, נאר זיין ביים גאנצן דעת, און ער זאל אפילו נישט טראכטן פון שטארבן, נאר זיין דבוק בשמחה אינעם אייבערשטען, און אזוי צוריקגעבן די נשמה, א געוואלדיגע חסד וואס האט פאסירט.

**איך** וועל עס צלייגן מער, פאר די אידן איז געווען באשערט עס איז געקומען די צייט זיי דארפן אוועקגיין, ליידער א מיתה חטופה, איין מינוט אויף די אנדערע האט זיך עס געענדיגט, ווען דעס זאל נישט פאסירן דארטן, ווען דעס וואלט דער אייבערשטער געמאכט עס זאל פאסירן יעדער ביי זיך אין די שטאט, עס איז געקומען זיין צייט אוועקגיין פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט, וויאזוי וואלט ער אוועקגעגאנגען פון דער וועלט, וואלט ער געהאט איין מינוט הרהור תשובה פארדעם? פון איין סעקונדע אויף די אנדערע טוישט ער דאס לעבן, ער איז דאך געווען געזונט, ער איז דאך נישט געליגן אין בעט פארדעם צו קענען אביסל איבערטראכטן זיינע מעשים. זיי זענען געווען אזעלכע דערהויבענע נשמות, **אז דער אייבערשטער האט געטוהן מיט זיי א חסד, ער האט צוזאמענגענומען די אלע נשמות, און ער האט זיי געברענגט אויף איין פלאץ, זיי זאלן קענען זיצן מיט א דביקות אינעם אייבערשטען, און נאכדעם זאלן זיי צוריקגעבן זייער נשמה. דאס איז די כח פון רבי שמעון.**

**ס'איז** געווען באשערט זיי זאלן אוועקגיין, וואס די סיבה זאל נאר זיין, אבער ארויסגיין פון די וועלט מיט אזא דביקות צום אייבערשטען, מיט אזעלכע געגועים צום באשעפער, ווי מען איז געזעסן דארטן, איז א זאך וואס יעדער איד וואלט זיך געוואונטשן, אז ווען עס קומט זיין צייט אוועקצוגיין פון דער וועלט זאל עס זיין אויף דעם

וועג. ס׳איז א חסד השם וואס עס ליגט דערין וואס דער אייבערשטער האט מיט זיי געטוהן.

**דאס** איז נאר א נקודה ארויסצוברענגען א חלק, וואס אונז פארשטייט מיר יא, וואס אונז פארשטייט מיר נישט, דאס איז א חלק פון חוקי ה׳, דער אייבערשטער פירט זיך מיט חוקים, און דעס וואס מען איז מקבל די חוקים דאס ברענגט אראפ רחמים אויף דער וועלט. פונקט ווי ווען א איד איז מקיים א חוק פון דער תורה, ווי מען האט פריער געזאגט, דאס איז לישנא דמזוני, דעס ברענגט אראפ די השפעות טובות, ווען ער טוט א זאך אהן טעם ודעת. איז די זעלבע ווען דער אייבערשטער פירט זיך מיט א מענטש אין א געוויסע מדה פון א חוק, וואס ער פארשטייט נישט וואס עס איז געווען, און ער איז מקבל מיט אהבה וואס דער אייבערשטער האט זיך געפירט מיט אים, דער קבלת אהבה, דער חוק וואס ער איז מקבל געווען א זאך וואס ער פארשטייט נישט, ער האט געשיקט א קינד קיין מירון, און ער איז אהיימגעקומען אזוי ווי ער איז אהיימגעקומען, **מען איז עס מקבל באהבה, דאס ברענגט געוואלדיגע השפעות וואס קומען אראפ פון אויבן, דער חוק וואס א איד איז מקבל אויף זיך וואס ער פארשטייט נישט, דאס איז דער זאך וואס איז משפיע פון אויבן.**

**און** עס האט פאסירט אין א צייט פון תכלה שנה וקללותיה, עס שטייט דאך (מגילה לא:) עס גייט ארויף אויף עצרת. דא איז אוועק פינף און פערציג נפשות, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, אין די קללה פון תורת כהנים שטייט שוין אין די קדמונים, אז פינף און פערציג קללות איז אויסגערעכנט דא אין די פרשה, און צ״ח קללות איז אויסגערעכנט אין פרשת כי תבוא. אידן האבן מקריב געווען פינף און פערציג פרים קרבנות ציבור אין בית המקדש במשך דעם גאנצן יאר, וואס האט מגין געווען אויף די קללות. און סוכות איז געווען צ״ח כבשים, אקעגן די צ״ח וואס איז דא אין משנה תורה, און די מ״ה פרים איז געווען אנטקעגן די מ״ה פון תורת כהנים. אז מען האלט ביים סוף פון א יאר וואס דארף זיין תכלה שנה וקללותיה, מען לייענט די פרשה פון קללות, איז דער אייבערשטער מקדים, און האט צוגענומען פון אונז פינף און פערציג נפשות משמנה ומסלתה, וואוילע אידן איינס ביי איינס, אנדערע זיצן נישט דארטן אזא לאנגע צייט ביי אזא הדלקה, עס איז דא א געוויסע דערהויבנקייט וואס די אידן האבן געהאט, און דער אייבערשטער האט צוגענומען די מ״ה, זיי זאלן מגין זיין אויף די מ״ה קללות וואס איז אויסגערעכנט דא, עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה. – און די גמרא זאגט אין חולין (דף צב.) עס איז דא מ״ה צדיקים וואס איז דא שטענדיג אויף דער וועלט, דרייסיג אין ארץ ישראל און פופצן אין חוץ לארץ, זעט מען עס איז דא מ״ה צדיקים וועלכע זענען מגין אויף דער וועלט.

**דאס** איז דער אם בחוקתי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם, **אז א איד וועט גיין בתמימות אפילו ווען ס׳וועט זיין חוקים, עס וועלן זיין זאכן וואס איז אומפארשטענדליך מיט אונזער שכל, און אידן וועלן טוהן, מקבל זיין מיט א שמחה וואס דער אייבערשטער האט געפירט, דאס וועט ברענגען ונתתי גשמיכם בעתם, עס זאל נשפע ווערן חסד פאר יעדעם איינעם.** זיי זאלן זיין מליצי יושר די הייליגע נשמות וואס זענען ארויפגעגאנגן, ועל כולם ׳רבי שמעון׳ זאל זיין א מליץ יושר פאר יעדעם איינעם, פאר אונז אלע, מיר זאלן אלע זוכה זיין צו זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, מתוך שמחה וטוב לבב אויף דער וועלט געזונטערהייט, ס׳זאל זיין תכלה שנה וקללותיה. מען זאל זיך צוגרייטן צו מתן תורה, מען האט שוין געבענטשט ראש חודש, ביום הזה באו מדבר סיני, בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, מען דארף דאס איבערחזר׳ן, די וואך גיי מיר צו סיני, זיך צוגרייטן צו קבלת התורה. זאל מען טאקע מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב, די תורה זאל משפיע זיין אויף אונז אלע ברכות טובות וואס איז אויסגערעכנט דא אין די פרשה, מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.